# מיט א טיפערן בליק

## פרשת חקת תשפ"ה

## וואס טוט מען מיט'ן שלאנג?

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

אין פרשת חוקת געפונען מיר פארשידענע ענינים, די מצוה פון פרה אדומה און דיני טומאת מת, די חטא מי מריבה, די פטירה פון אהרן הכהן, און נאך. דאסמאל וועלן מיר זיך אפשטעלן אביסל אויף די מעשה פונעם 'נחש הנחושת' וואס משה רבינו האט געמאכט.

די תורה הקדושה דערציילט אונז אז ווען די אידן זענען געווען אין מדבר ביים הֹר הָהָר (דארט וואו אהרן הכהן איז נפטר געווארן) און פון דארט האבן זיי ממשיך געווען זייער וועג אין ריכטונג פון ארץ ישראל, האט דער קעניג פון אדום זיי נישט געלאזט אדורכגיין אין זיין לאנד, דעריבער האבן זיי געמוזט מאכן א גרויסע אומוועג און ארומגיין ארץ אדום. זאגט דער פסוק (כ"א ד') "וַתִּקְצַר נֶפֶשׁ הָעָם בַּדָּרֶךְ", עס איז זיי נמאס געווארן דאס גיין אזוי לאנג, זיי האבן געשפירט א טירחא און אומזיסטע פלאג אז זיי דערוווייטערן זיך פון ארץ ישראל און קענען נישט גיין דורך די קורצע און גראָדע וועג, האבן זיי אנגעהויבן זיך אפצורעדן אויף השי"ת און משה רבינו.

וַיְדַבֵּר הָעָם בֵּאלֹקִים וּבְמֹשֶׁה לָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם, די אידן האבן גערעדט קעגן דעם אייבישטער און משה רבינו, און גע'טענה'ט פארוואס האט מען אונז ארויפגעברענגט צו שטארבן אינעם מדבר וואו עס איז נישט פארהאן קיין ברויט און וואסער. און כאטש זיי האבן געהאט די מָן פון הימל, האבן די אידן צוגעגעבן "וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל" אונזער זעהל איז שוין פאר'מיאוס'ט פון עסן די לייכטע ברויט.

ווי **רש"י** ברענגט פון חז"ל איז געווען זייער טענה אויף די מן, וויבאלד עס איז געווען א רוחניות'דיגע מאכל און עס איז געווארן איינגעזאַפּט אין זייערע איברים (אנדערש ווי גשמיות'דיגע עסן וואס דער גוף פאַרדייט און עס ווערט שמוץ, ביי די מן איז דאס נישט געשען), דערפאר האבן זיי עס אנגערופן 'לֶחֶם הַקְּלֹקֵל' ברויט וואס איז גרינג און בלייבט אינעם גוף. זייער טענה איז געווען אז א בשר ודם קען נישט אזוי אָנגיין פאר צו לאנג, עס איז נישט מעגליך אריינצולייגן אינעם גוף און אלעס זאל בלייבן אינעווייניג, ווי רש"י זאגט "לפי שהמן נבלע באיברים קראוהו קלוקל, אמרו עתיד המן הזה שֶׁיִּתְפַּח בְּמֵעֵינוּ, כלום יש ילוד אשה שמכניס ואינו מוציא".

נאכדעם וואס די אידשע קינדער האבן זיך אפגערעדט אז זיי גייען שטארבן אין מדבר ח"ו און אז די מָן טויג נישט, האט השי"ת זיי באשטראפט און געשיקט מסוכנ'דיגע שלענג, וַיְשַׁלַּח ה' בָּעָם אֵת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים, שלענג וואס זייער סַם פארברענט און הרג'עט, וַיְנַשְּׁכוּ אֶת הָעָם וַיָּמָת עַם רָב מִיִּשְׂרָאֵל, זיי האבן אנגעהויבן צו בייסן די אידן, און פילע אידן זענען געשטארבן.

די אידן האבן חרטה געהאט אויף זייער זינד און זענען געקומען לויפן צו משה רבינו און גע'זאגט, חָטָאנוּ כִּי דִבַּרְנוּ בַה' וָבָךְ, מיר האבן געזינדיגט אז מיר האבן גערעדט שלעכטס אויפן אייבישטער און אויף דיר, דאווען צום אייבישטער אז ער זאל אוועקנעמען דעם עונש פון די שלענג.

משה רבינו האט זיי תיכף מוחל געווען אויף דעם וואס זיי האבן גערעדט אויף איהם, און ער האט זיך געשטעלט דאווענען צו השי"ת. האט השי"ת איהם באפוילן אז ער זאל מאכן א צורה פון א שלאנג און עס לייגן הויעך אויף א שטאַנג, און פון יעצט און ווייטער יעדער וואס ווערט געביסן פון א שלאנג זאל ארויפקוקן צום שלאנג און ער וועט ווערן אויסגעהיילט און בלייבן לעבן.

#### וואס באדייט די עונש און די רפואה דורכ'ן נחש?

פארוואס איז כלל ישראל באשטראפט געווארן דוקא דורך די בייסענדיגע שלענג? ברענגט **רש"י** צוויי טעמים: "יָבֹא נָחָשׁ שֶׁלָּקָה עַל הוֹצָאַת דִּבָּה וְיִפָּרַע מִמּוֹצִיאֵי דִּבָּה" זאל קומען דער שלאנג וואס איז געשטראפט געווארן פארן רעדן שלעכטס און לשון הרע [ביים חטא עץ הדעת ווען ער האט צוגערעדט חוה צו זינדיגן] און ער זאל זיך אפרעכענען מיט די אידן וואס האבן גערעדט שלעכטע רייד. "יָבֹא נָחָשׁ שֶׁכָּל הַמִּינִין נִטְעָמִים לוֹ טַעַם אֶחָד, וְיִפָּרַע מִכְּפוּיֵי טוֹבָה שֶׁדָּבָר אֶחָד מִשְׁתַּנֶּה לָהֶם לְכַמָּה מַטְעַמִּים", דער שלאנג איז דער פּאַסיגסטער שליח צו קומען שטראפן די אידן, וויבאלד ער איז ממש די פארקערטע פון זיי. דער נחש שפירט נאר איין טעם אין אלע זיינע מאכלים, נישט קיין חילוק וויפיל מאכלים ער זאל נאר פראבירן צו עסן וועט אלעס האבן דעם איינעם טעם פון ערד, דאגעגן די אידן האבן געהאט איין מאכל - די מָן, און אין דעם האבן זיי געקענט שפירן אזויפיל אנדערע טעמים, דעריבער ווען זיי האבן זיך באקלאגט אויף די מן, איז געקומען דער שלאנג זיי בייסן.

לאמיר זיך פארטיפן און פארשטיין וואס איז די כוונה פון די צוויי טעמים וואס רש"י ברענגט דא, זענען דאס סתם צוויי באזונדערע טעמים, צוויי פרעמדע נקודות וואס געפונען זיך אינעם נחש, אדער זיי זענען פארבינדן איינס צו די אנדערע?

אזוי אויך דארף מען פארשטיין וואס איז פשט פון די רפואה וואס השי"ת האט געהייסן פאר משה רבינו מאכן דורכ'ן לייגן די נחש הנחושת? פארוואס איז די הצלה געקומען דוקא דורך די צורה פון א שלאנג וואס איז געווען די עונש זעלבסט?

#### ווען אלע טענות קומען פון בלויז איין קליינגקייט

אז מיר וועלן זיך ריכטיג פארטיפן אין אט די פרשה, קענען מיר בסייעתא דשמיא דערהערן א געוואלדיגע מוסר השכל וואס איז שטארק נוגע אין פארשידענע חלקים פון אונזער לעבן. כדי צו ערקלערן די נקודה וועלן מיר טאקע אנהייבן מיט א קליינע מעשה פונעם טעגליכן לעבן וואס האט א

שטיקל שייכות מיט די יעצטיגע סעזאן און קען שטארק ארויסברענגען דעם ענין.

עס האט מיר דערציילט א יונגערמאן וואס איז א 'מענעדזשער' אין א געוויסע גרויסע באנגעלאו קאלעני, וואס אויף זיינע פלייצעס ליגט אהערצושטעלן אלע געברויכן פון די איינוואוינער וועלכע קומען ארויס פארוויילן דארט אין די זוממער טעג. פארשטייט זיך אז דאס נעמט אריין אין זיך גאר אסאך ארבעט, שוין חדשים פריער איז ער פארנומען מיט'ן אנגרייטן אלע נויטיגע צוגעהערן און טוהן אלעס וואס פעלט זיך אויס אז מ'זאל קענען אקאמאדירן דעם ציבור ווען זיי קומען צו פאָרן אויף אפרוה, און עס זאל גארנישט פעלן פאר קיינעם.

איין זוממער האט פאסירט אז א געוויסע תושב אינעם פלאץ האט ממש אנגעהויבן פירן א מערכה מיט איהם, יענער האט פשוט אנגעפירט א העצערישע קאמפיין קעגן איהם, ער האט צוריקגעהערט פון אלע זייטן ווי פלוני און זיין ווייב הערן נישט אויף זיך אפצורעדן וואס פאר שוואכע מענעדזשער ער איז און טויג צו גארנישט, קיין שום זאך קלאפט נישט ווי געהעריג און אלעס ווערט נאר געטוהן האַלבוועגס, למחצה לשליש ולרביע... הכלל, יענער האט איהם כמעט ווי גע'רודפ'ט און נישט געלאזט קיין מנוחה. פארשטייט זיך אז פארן מענעדזשער האט דאס זייער ווייגעטוהן, ער שטייט און ארבעט אזוי געטריי פארן פלאץ שוין עטליכע יאר, און ווי ווייט ער ווייסט מאכט ער גאנץ א פיינעם ארבעט, און דא פלוצלינג ווערט ער אזוי באפאלן און אראפגעריסן.

בקיצור, ער האט אנגעהויבן נאכצופארשן און פראבירט מברר זיין וואס איז אזוי שלעכט אז מען איז אזוי ברוגז אויף איהם, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אלעס שטאמט בלויז צוליב איין קלייניגקייט... ביי יענעם אינדערהיים האט די הייס וואסער נישט געארבעט געהעריג דעם ערשטן פרייטאג נאכמיטאג ווען אלע ארומיגע דירות האבן זיך באנוצט דערמיט אין די זעלבע צייט און די סיסטעם איז געווארן איבערגעשטרענגט און האט נישט געארבעט ווי ערווארטעט, און אויף דעם איז געווען 'יָצָא הַקֶּצֶף' **אז ער טויג אויף גארנישט, און ער טוט נישט קיין שום זאך וואס איז ריכטיג, און אלעס טראגט אזא פנים**, וכהנה וכהנה, אזוי ווי די שטייגער פון מענטשן איז זיך אפצורעדן ווען זיי האבן טענות.

[אָן אריינגיין אין קיין איבריגע דעטאלן וואס זענען נישט נוגע פאר אונז וועלן מיר נאר דערמאנען בקיצור אז צום סוף ווען יענער האט זיך געכאפט אז ער האט איבערגעצויגן דעם שטריקל מיט'ן אזוי מצער זיין און באַרעדן דעם מענעדזשער, האט ער שטארק חרטה געהאט און איז איהם געקומען איבערבעטן. ביי יענעם געלעגנהייט האט איהם דער מענעדזשער אויפגעוויזן ווי לעכערליך די טענות קעגן איהם זענען געווען, און אפילו די איין זאך וואס האט טאקע נישט געטויגט איז אויך נישט געווען זיין שולד].

די דערמאנטע מעשה שהיה איז בלויז א קליינע דוגמא פון פילע אנדערע מעשיות וואס יעדער איינער פון אונז האט שוין מסתמא מיטגעהאלטן, אזוי אדער ענדליך צו דעם. עס איז א זאך וואס מאכט זיך כסדר, ווען עס כאפט זיך אריין א קליינע ווערימל פון אומצופרידנהייט אין הארץ, ווען איין זאך גייט נישט ווי געפלאנט, לכבוד דעם שלעפט עס שוין מיט 'אלעס' ארום און ארום, אז 'גארנישט' טויג שוין נישט.

איינמאל דער מענטש פארלירט זיין יישוב הדעת און זיין גראָדע שכל, פאלט ער אריין אין א פלאץ פון זיך אפרעדן און באקלאגן און ווערט אינגאנצן אויס צופרידן. אנשטאט זיך אומקוקן וויפיל זאכן זענען יא גוט, און ווי געשמאק אלעס אנדערש פאַרט ווי געשמירט ב"ה, ווערט מען פארנומען מיט די איין זאך וואס איז נישט גוט, און דאס נעמט שוין אוועק די גאנצע געשמאק פון אלעס. צום ביישפיל ביי די פריערדיגע מעשה, ווען די משפחה וואס האט נישט געהאט קיין הייס וואסער וואלט געמאכט א חשבון הנפש וויפיל זאכן דער מענעדזשער האט יא אהערגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין, און ווי אלעס אנדערש קלאפט א מחיה, וואלטן זיי געזאגט, נו, איין זאך איז נישט אזוי באקוועם, נישט געפערליך, ב"ה אז אלעס אנדערש האבן מיר אויפן בעסטן פארנעם, לאמיר טראכטן א וועג וויאזוי מ'קען זיך אן עצה געבן מיט די הייס וואסער... קיינער מאכט נישט אוועק, עס איז זייער אומבאקוועם זיך צו טרעפן פרייטאג נאכמיטאג אָן קיין הייס וואסער, ס'איז טאקע א פראבלעם, אבער ס'איז נישט עק וועלט, זיכער נישט גענוג אויף ווי צו טוהן א צוויטען, און אפילו נישט אויף צוצושטערן דעם אייגענעם עונג שבת און שמחת הנפש.

נאר וואס דען? דאס איז די מציאות פון יעדע נסיון וואס ווערט געברענגט אויף א מענטש. אויב א מענטש וואלט געהאט שכל צו טראכטן גראָד און מיט יישוב הדעת, וואלט ער זיך נישט אזוי פארלוירן און ער וואלט געקענט אפשאצן ווי קליין די פראבלעם איז באמת און עס נישט ארויסבלאזן פון פערפארציע. די פראבלעם איז אבער אז זייער אסאך מאל פארלירט מען די קלארקייט און די יישוב הדעת בשעת א נסיון און א שוועריגקייט, און דעריבער ווערט אלעס אזוויי איין גרויסע פארוואלקנטע נעפל, און זאכן זעהן אויס אסאך גרעסער און שטערקער ווי ס'איז באמת, און דער מענטש פאלט אריין אין א ביטערניש אז אלעס טויג נישט.

#### די טענות וואס זענען נולד געווארן פון אומצופרידנהייט

דאס איז געווען די מצב פון כלל ישראל דעמאלטס בשעת'ן ארומגיין ארץ אדום. די אידן האבן טאקע געהאט א נסיון, עס איז נישט לייכט ווען מ'האלט שוין נאנט צו ארץ ישראל און פלוצלינג דארף מען זיך צוריקדרייען און מאכן א לאנגע אומוועג.

אבער דאס האט אנגעהויבן צו ברענגען מיט זיך אלע סארטן טענות און מענות וואס קומען בכלל נישט אריין. די אידן הייבן אָן זיך צו באקלאגן קעגן השי"ת און משה רבינו "לָמָּה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר" פארוואס האט איר אונז ארויפגעברענגט פון מצרים אז מיר זאלן שטארבן אין מדבר? פלוצלינג הייבן זיי אָן מורא צו האבן אז מ'גייט שוין שטארבן דא. זיי זאגן אויך "כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם" מיר האבן נישט קיין ברויט און וואסער, כאילו דער אייבישטער האט נישט צוגעשטעלט אלע זייערע געברויכן במשך די לעצטע אכט און דרייסיג יאר זינט זיי זענען ארויס פון מצרים און זיי געהאלט ביים לעבן. די מָן וואס איז געווען די בעסטע מתנה אין די וועלט, לחם מן השמים וואס קומט צו גיין אָן קיין שום טירחא און מ'קען שפירן דערין אלע גוטע טעמים, איז פלוצלינג געווארן "וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל" מיר זענען שוין נמאס דערפון, עס איז לייכטע ברויט, מיר ווילן עס נישט.

נאך מער, זיי הייבן אָן אפירצוזוכן טענות פון אונטער די ערד, עס ווערן דא געבוירן נייע פראבלעמען וואס עקזיסטירן נישט. "אמרו, עתיד המן הזה שֶׁיִּתְּפַח בְּמֵעֵינוּ, כלום יש ילוד אשה שמכניס ואינו מוציא" מן הסתם וועלן מיר איין טאג שטארבן פון עסן די מָן וואס ווערט נישט פארדייט און גייט נישט ארויס פונעם גוף. איי מען האלט שוין דא נאך קרוב צו פערציג יאר וואס מ'האט געגעסן מָן און ס'האט נאך קיינעם נישט געשאדט, אבער ווער ווייסט אויב ס'וועט נישט קומען א טאג ווען עס וועט אנהייבן צו מאכן פראבלעמען...

בקיצור, איינמאל מען איז געווארן אומצופרידן צוליב די לענגערע אומוועג וואס מ'דארף מאכן, האט אנגעהויבן צו הערשן א אומצופרידנקייט וועגן אלעס. מען האט געפונען טענות און פראבלעמען אין יעדע זאך, אפילו אין זאכן וואס זענען די בעסטע וואס קען נאר זיין, אדער זאכן וואס זענען געווען זייער גוט ביז יעצט, אצינד האט מען טענות דערויף.

ווי פאסיג איז דאס אין די ווערטער מיט וועלכע **רש"י** איז מסביר דעם פסוק (כ"א ד') "וַתִּקְצַר נֶפֶשׁ הָעָם בַּדָּרֶךְ" אז עס איז זיי נמאס געווארן צו גיין אזוי לאנג אויפן וועג, קומט רש"י ערקלערן וואס באדייט די לשון וַתִּקְצַר, **"וכל דבר הקשה על אדם נופל בו לשון קצור נפש, כאדם שהטורח בא עליו ואין דעתו רחבה לקבל אותו הדבר, ואין לו מקום בתוך לבו לגור שם אותו הצער"**. בדרך רמז לערנט אונז רש"י די סדר הדברים, וויאזוי עס פאסירט אזא סארט וַתִּקְצַר נֶפֶשׁ הָעָם בַּדָּרֶךְ. צום ערשט פאסירט "שהטורח בא עליו" עס הייבט זיך אָן מיט א טירחא און א אומבאקוועמליכקייט וואס קומט אויפן מענטש, און דורכדעם פארלירט ער זיין יישוב הדעת "ואין **דעתו** רחבה לקבל אותו הדבר", עס שטערט איהם אין קאפ, אבער פון דארט צושפרייט זיך עס שוין ווייטער און ווייטער ביז עס פלאַצט, עס נעמט איהם איבער אינגאנצן כאילו עס וואלט געווען דא א ריזיגע פראבלעם, "ואין לו מקום בתוך לבו לגור שם אותו הצער" ער האט שוין נישט קיין פלאץ אין הארץ צו האלטן די צער, עס טוט איהם וויי און קוועטשט איהם פון אלע זייטן כאילו עס איז עק וועלט.

### די כוח פונעם נחש ארייינצוברענגן די אומצופרידנקייט

ווי פאסיג איז אז די שטראף זאל טאקע קומען צו גיין דוקא דורך דער נחש. דער נחש איז דער סימבאל פון זוכן טענות און אומצופרידנקייט עַל לֹא דבר. פונקט ווי ביים חטא עץ הדעת, ווען אדם הראשון און חוה זענען געווען אליינס אין גן עדן, זיי האבן געהאט פון די שענסטע און בעסטע און עס האט זיי גארנישט געפעלט, דער אייבישטער האט זיי געזאגט מִכֹּל עֵץ הַגָּן אָכֹל תֹּאכֵל, איר קענט עסן פון אלעביימער וואס געפונען זיך אינעם גארטן. די גמרא זאגט אין **מסכת סנהדרין** (דף נ"ט:) "אדם הראשון מיסב בגן עדן היה, והיו מלאכי השרת צולין לו בשר ומסננין לו יין" אדם הראשון איז געזעצן אנגעלאַנט אין גן עדן און די מלאכים האבן געבראטן פלייש פאר איהם און אנגעגרייט וויין. בקיצור, אדם און חוה זענען געווען ברוּם המעלה און געהאט פון אלעם גוטן וואס איז נאר מעגליך. איז געקומען דער נחש, דער שלאנג פון קנאה, און אנגערייצט אדם און חוה אויפן עץ הדעת וועלכע איז געווען די איינציגסטע בוים פון וואס זיי האבן נישט געמעגט עסן, איין איינציגע בוים צווישן אזויפיל אנדערע גוטע ביימער וואס זיי האבן יא! פלוצלינג האט די איין זאך אנגעהויבן אויסצוקוקן אזוי גרויס און ריזיג, די נסיון איז געוואקסן אין זייערע אויגן ביז זיי האבן זיך נישט געקענט באהערשן און געגעסן דערפון.

דער נחש האט דעם כוח ארייינצוברענגן אינעם הארץ אט דעם קליינעם ווערימל פון קנאה און אומצופרידנקייט, און דאס צושפרייט זיך צוביסלעך מער און מער ביז עס נעמט איין דעם גאנצן מענטש, עס רויבט אוועק זיין יישוב הדעת און קלארקייט און לאזט איהם נישט קיין מנוחה. ווי חכמינו ז"ל זאגן טאקע אז דער שלאנג גיבט א קליינע בייס פארן מענטש אונטן ביי זיינע פיס וואס ער שפירט קוים, און פון דארט צושפרייט זיך די סם אין זיין גאנצן קערפער ביז ער שטארבט. דאס איז די מהות פונעם נחש, א קליינע בייס, א קליינע טענה און אומצופרידנקייט, וואס פארשפרייט זיך און ווערט א ברענענדיגע סם אין די גאנצע מענטש רח"ל, ער ווערט אינגאנצן באהערשט און איבערגענומען דורך די כוח וואס דער נחש האט ארייינגעלייגט אין איהם.

### די צוויי זאכן וואס פאסירן דורך דער נחש

דאס קען זיין די שייכות און קשר צווישן די צוויי טעמים וואס **רש"י** ברענגט דא. "יָבֹא נָחָשׁ שֶׁלָּקָה עַל הוֹצָאַת דִּבָּה וְיִפָּרַע מִמּוֹצִיאֵי דִּבָּה", דער שלאנג איז געווען דער ערשטער געשטראפט צו ווערן אויף זיינע שלעכטע רייד ביים חטא עץ הדעת, שוין באלד אין אנפאנג ביי בריאת העולם האט דער שלאנג באוויזן מכשיל צו זיין דעם מענטש דורך איין קליינע טענה און אומצופרידנקייט. ער קומט יעצט און רעכנט זיך אפ מיט די אידן וואס זענען געווען 'מוציאי דיבה' און זיך אפגערעדט מיט שלעכטע רייד און טענות קעגן השי"ת און משה רבינו בלויז צוליב א קליינע טענה און אומצופרידנקייט.

ולא זו בלבד, נאר קוקט ווי ווייט עס דערגרייכט דער כוח פונעם נחש מכשיל צו זיין דעם מענטש מיט לעכערליכע טענות אפילו ווען דער מענטש פאַרמאָגט באמת די גרעסטע ברכה. געווי ווי כלל ישראל האט געהאט די מָן וואס האט געהאט אין זיך אלע טעמים, עס איז די בעסטע זאך וואס נאר מעגליך, אבער ווען דער כוח הנחש כאפט זיך אריין אינעם מענטש פארגעסט ער פון דעם אלעם! פלוצלינג ווערט ער ווי דער נחש וואס שפירט בלויז א טעם עפר, ער ווערט א כפוי טובה און ער אנערקענט נישט ווי גוט און ווי זיס אלעס איז. ער נעמט די טייערסטע און חשוב'סטע זאך וואס איז פארהאן און ער מאכט עס ביליג, ער רעדט זיך אפ דערויף און קומט אויף מיט אלע סארטן טענות ומענות אז ס'איז נישט גוט. "יָבֹא נָחָשׁ שֶׁכָּל הַמִּינִין נִטְעָמִים לוֹ טַעַם אֶחָד, וְיִפָּרַע מִכְּפוּיֵי טוֹבָה שֶׁדָּבָר אֶחָד מִשְׁתַּנֶּה לָהֶם לְכַמָּה מַטְעַמִּים". דאס איז די סיבה פארוואס די עונש קומט דוקא דורכ'ן שלאנג וואס איז דער ראש וראשון זינט בריאת העולם ארייינצווווארפן דעם מענטש אין דעם שלעכטן פלאץ פון טענות און אומצופרידנקייט און מאכט איהם פארגעסן פון אלע גוטע זאכן וואס ער האט יא, אלע גוטע טעמים וואס ער איז זוכה.

### די שאלה איז וואס טוען מיר מיט'ן שלאנג?

די רפואה צו די מכה איז אויך געקומען דייקא דורך די צורה פון א נחש. ווי מיר ווייסן וואס **רש"י** ברענגט ביי אונז, און די מקור איז אינעם משנה **מסכת ראש השנה** (פ"ג מ"ח) "וְכִי נָחָשׁ מֵמִית אוֹ נָחָשׁ מְחַיֶּה, אֶלָּא בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְרַפְּאִים",

ווען השי"ת האט געהייסן פאר משה רבינו ארויפצוליגן דעם נחש הנחושת אויפן שטאנג אז די אידן זאלן קוקן דערויף און ווערן אויסגעהיילט, איז אודאי נישט געקומען די רפואה דורכ'ן עצם שלאנג, ווייל א שלאנג האט נישט קיין כוח צו מאכן לעבן אדער שטארבן, נאר דער עיקר ציל איז געווען אז דורך דעם שלאנג וואס ליגט אין די הייעך וועלן די אידן אויפהייבן זייערע אויגן און קוקן צום הימל און געדענקן צו בייגן זייער הארץ צום אייבישטער, און דאס איז געווען זייער רפואה.

אבער השי"ת האט געהייסן ארויפליגן דוקא א שלאנג (און נישט באפוילן כלל ישראל סתם אזוי ארויפצוקוקן צום הימל) צו דערמאנען פאר די אידישע קינדער, **טייערע אידן, דער שלאנג וועט אלעמאל זיין! עס איז כמעט נישט דא קיין מציאות אין לעבן אין וועלכע דער נחש כאפט זיך נישט אריין.** נאך פון אדם הראשון'ס צייטן ווייסן מיר אז דער נחש פון קנאה און שנאה לאָקערט נאכן מענטשן און וויל איהם מכשיל זיין. כמעט אין יעדע מצב פון לעבן וועלן מיר זיך באגעגענען מיט א געוויסע טענה, א פראבלעם, א שוועריגקייט, וואס שטעלט אונז אין א נסיון. אצינד האבן מיר די ברירה צו באשליסן וואס גייען מיר טוהן מיט דעם נסיון.

א מענטש וואס קוקט מיט א קטנות'דיגע בליק און ער לאזט זיך שנעל איבערדעדן פונעם נחש, דער וועט אנהייבן צו האבן טענות ומענות און פארפירן ביז'ן הימל קעגן אלס און אלעמען, גארנישט וועט נישט טויגן, יעדער וועט זיין שולדיג, און פונעם קליינעם ווערימל וואס האט זיך אריינגעכאפט אין איהם וועט צום סוף עקספלאדירן א בארג פיל מיט ביטערניש און אומצופרידנקייט, ווי פריער דערמאנט פון **רש"י** "ואין לו מקום בתוך לבו לגור שם אותו הצער", ער וועט נישט קענען אויסהאלטן די גרויסע צער און עגמת נפש וואס וועלן זיך אויפבויען אינעווייניג אין איהם און פלאקערן ווי א פייער. ווען באמת שטאמט דאס אלעס פון בלויז א קליינגקייט, פון כמעט גארנישט.

דאגעגן ווען א איד האט שכל און ער קוקט אויף די נסיון מיט א העכערע בליק, בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם, ער פארשטייט אז ס'איז דא באשעפער אויף די וועלט דער בורא ומנהיג כל הברואים וואס גיבט איהם אזויפיל גוטס, און האט איהם געבענטשט מיט אזויפיל אנדערע גוטע זאכן. יא, ס'איז טאקע פאראהאן א נחש, ער האט יעצט א געוויסע שטער וואס באַדערט איהם און טוט איהם וויי, אבער ער ווייסט אז השי"ת קען איהם העלפן אויך אין דעם פראבלעם, כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, ס'וועט זיכער זיין לטובה. דאס איז די גרעסטע רפואה און תיקון צום מצב אין וועלכע כלל ישראל איז אריינגעפאלן ווען עס האט פאסירט ביי זיי "וַתִּקְצַר נֶפֶשׁ הָעָם בַּדָּרֶךְ" און זיי האבן אנגעהויבן זיך אפרעדן אויף אלע גוטע זאכן וואס זיי האבן געהאט.

דער ענין איז אויך מרומז אינעם ווארט 'נחש' זעלבסט. ווען א איד באגעגנט זיך מיט'ן **נחש** וואס זוכט איהם צו מאכן שווער אויפן געמיט און אומצופרידן, האט ער די ברירה ווי פאלגענד: עס קען ווערן א צירוף פון **נ**'סיון, **ח**'ושך, **ש**'כחה, די נסיון קען איהם אראפשלעפן גאר נידריג ח"ו, ער קען אנקומען צו א מצב פון חשכות און טונקלקייט און פארגעסן פונעם אייבישטער און אלע גוטע זאכן וואס ער איז משפיע פאר איהם, ער קען חלילה ווערן א כפוי טובה און זיך אפרעדן אויף אלעם גוטן.

אבער פון די צווייטע זייט, ווען א איד איז מסתכל כלפי מעלה, ער קוקט מיט א דערהויבענע בליק, ער פארשטייט אז ס'איז א נסיון און ער לאזט זיך נישט אראפשלעפן פונעם סם וואס דער נחש וויל פארשפרייטן אין איהם, דאן ווערט דאס **נ**'סיון, **ח**'יזוק, **ש**'כינה, ער איז זיך מחזק, ער האלט זיך פעסט און פארשטייט אז ס'איז בלויז א איינצלנע נסיון, א קליינע פראבלעם וואס וועט אי"ה אדורכגיין און פאלן אין פלאץ, און ער איז זוכה צו טרעפן דעם אייבישטער און זיך אנכאפן אין איהם אוןביישטיין דעם נסיון מיט א פעסטקייט.

**וואס מיר דארפן ארויסנעמען אויף למעשה**

דאס דארפן מיר חַזר'ן און געדענקן און איינבאקן אין זיך טיף. אין אלע אומשטענדן קענען ארויסוואקסן פארשידענע 'נחש' סארט נסיונות. יא, מיר האבן געפלאנט א געוויסע נסיעה, א וואקאציע, א אויספלוג, און זאכן גייען נישט אינגאנצן ווי געפלאנט. אדער מיר האבן ערווארטעט א געוויסע זאך פון אונזערע נאנטע, די משפחה, די קינדער, די גוטע פריינט, און עס שטעלט זיך אויס אנדערש ווי מיר האבן ערווארטעט. דער נחש קומט צו גיין און די הארץ וועט איבערגעפילט מיט צער און עגמת נפש.

די ברירה ליגט אבער אין אונזער הענט, וועלן מיר לאזן דעם נסיון אונז ברענגען צו חושך און שכחת ה' ח"ו און אונז אנפילן מיט ביטערניש און כעס אויף אלס און אלעמען. אדער מיר וועלן זיין 'מסתכלין כלפי מעלה' קוקן מיט א העכערע בליק און זאגן גם זו לטובה, ב"ה אז אזויפיל אנדערע זאכן גייען יא גוט, אלעס אנדערש איז דאָך אזוי פיין מסודר, און אויך די איינע פראבלעם וועט זיך אי"ה מסדר זיין מיט'ן אייבישטער'ס הילף, און דאן וועט דאס ווערן נ'סיון ח'יזוק ש'כינה ווי דערמאנט, מיר וועלן זוכה זיין צו התחזקות און שמחה און בלייבן א מענטש, א אדם השלם וואס פארלירט נישט זיין יישוב הדעת און שמחת החיים בלויז צוליב א קליינגקייט. לאמיר געדענקן מקיים צו זיין אין יעדע מצב "בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְרַפְּאִים".

לסיכום געדענק:

- די כוח הנחש וואס קומט און מאכט דעם מענטש אומצופרידן מיט עפעס א קליינגקייט וואס ער האט נישט, און עס בלאזט זיך אויף צו א ריזיגע בארג פון פאלשע טענות.
- ווען מ'קוקט מיט א העכערע בליק ווייסט מען אז עס איז בלויז א נסיון, און מ'געדענקט דעם אייבישטער וואס גיבט אונז אזויפיל גוטס.
- די ברירה איז אונזערע הענט אויב עס וועט זיין נ'סיון ח'ושך ש'כחה, וואס שלעפט אראפ דעם מענטש ח"ו, אדער נ'סיון ח'יזוק ש'כינה, וואס וועט איהם שטארקן און העלפן אנגיין מיט א שמחה.

## א לעכטיגע שבת קודש און א געזונטן זוממער!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com